# VOLETS

Une histoire populaire de Chelem

C'est la nuit. Mari et femme dorment paisiblement. Soudain ils se réveillent..
Dehors le vent se déchaine et frappe violemment les volets de leur maison.la femme prie l'homme de descendre fermer les volets, mais il ne veut pas.
Elle n'a qu'à y aller, elle la femme sortir du lit chaud et fermer les volets.
Allongés tous deux dans le lit, le vent, dehors ne fait que claquer les volets.
Et chaque coup est comme un coup sur la tête. Mais ils ne bougent pas.
Il lui dit :- toi vas y
Elle lui rétorque :- toi vas y
Et pendant ce temps, le vent continue à faire des siennes, il fait claquer les volets, au point qu'on pourrait devenir fou.
La femme a soudain une idée. Elle dit à son mari
-Tu sais quoi? Cessons de parler toi et moi, et celui d'entre nous qui aura oublié et ouvrira la bouche, celui-là ira fermer les volets
L'homme est d'accord et à présent, ils sont couchés au lit et se taisent.
Voici que passe un voleur. Il voit que le vent se déchaine sur les volets d'une maison. Il regarde par la fenêtre et voit à l'intérieur un homme et une femme allongés, sourds et muets
-Puisque c'est comme ça dit le cambrioleur, je vais rentrer
Il rentre en se faufilant par la fenêtre. Il règne un silence absolu. Le mari et la femme se taisent. Il commence à emballer les objets, l'homme t la femme se tait. Il a déjà emballé l e candélabre de shabbat, le verre à kidush et ils continuent à se taire.
Le voleur est sur le point de partir quand soudain, il aperçoit le châle de prières, le talith et il le prend aussi dans son sac. Le juif en peut plus se retenir. Il allonge le bras et saisit le châle.
Le voleur le lui reprend et lui donne un coup sur la tête.
La vieille juive voit le voleur frapper son mari, elle se met au crier :
-Au secours !, on tue mon mari !
-Hé bien ! s'écrie le mari calmement, tu as parlé, c'est toi qui ira fermer les volets !

# LODENS

## A KHELEMER FOLKS MAYSELE

Nakht.Khelem. Man un vayb shlofn geshmak.Plutzling ober vern zey oyfgevekt.
A vind hot zikh vild tseholiet in droysn, un er varft shturmish di lodns fun zayer shtibl.Bet di froy dem man, er zol aropgeyn farmakhn di lodns, vil er nisht.
Zol zi, di froy, aroysgeyn fun varemen bet un farmakhn di lodns.

Lign zey beyde in zayere betn.Un der vint in droysn varft un zetst mit di lodns, yeder zets iz vi a klap iberen kop. Ober zey rirn zikh nisht fun ort.
Er zogt :

-Du ! gey !

Zi zogt :

- Gey du ! Der vint derveyl tut zikh dos zeynike.

Er trasket di lodns, me kon meshuge vern.
Falt ayn dem vayb a gedank un zi zogt tsum man:

- Veystu vos? Lomir opmakhn beyde tsu shvign vi shtume, un ver fun undz s'vet fargessn un oysern a vort, der zol geyn farmakhn di lodns.

Iz der man maskim. Un zey lign beyde un shveygn.

Geyt in gas farbay a ganev, zet et vi der vint varft vild mit di lodns fun a shtibl. Kukt er dort arayn durkhn fenster un zet vi man un vayb lign in di betn un shveygn, vi shtume un toybe.

-Oyb azoy- trakht der ganev-darf men arayngeyn.

Krikht er arayn durkhn fenster - s'iz sha shtil, man un vayb shveygn. Nemt er aynpakn di shtub-zakhn, man un vayb shveygn .Er hot shoyn farpakt di zilberne shabes- leykhter, dem kidesh-kos , un zey shveygn alts.

Der ganef iz shoyn bald fartik gevorn, nor ot derzet er dem yidns tales, nemt er im oykh arayn pakn in zayn zak. Kon shoyn der yid mer nicht oyshaltn.Er shtrekt oys a hant un khapt on dem tales. Nemt der ganef un derlangt im a zets in kop.
Di yidene derzet, az der ganef shlogt ir man, makht zi a gevald:

- Gevald ! Me harget mayn man !
- Nu ! - Ruft zikh op der man ruik -Host geret, gey she un farmakh di lodns !

לאָדנס - אַ כעלמער פֿאָלקס מעשׂה׳לה

נאַכט. כעלעם. מאַן און ווײַב שלאָפֿן געשמאַק.
פלוצלינג אָבער ווערן זיי אויפֿגעוועקט.
אַ ווינט האָט זיך ווילד צעהאָליעט אין דרויסן און ער וואַרפֿט שטורמיש די לאָדנס פֿון זײַער שטיבל .בעט די פֿרוי דעם מאַן, ער זאָל אַראָפּגיין פֿאַרמאַכן די לאָדנס .וויל ער נישט.זאָל זי, די פֿרוי אַרויסגיין פֿון וואַרעמען בעט און פֿאַרמאַכן די לאָדנס.

ליגן זיי ביידע אין זײַערע בעטן און דער ווינט אין דרויסן וואַרפֿט און זעצט מיט די לאָדנס .יעדער זעץ איז ווי אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ, אָבער זי רירן זיך נישט פֿון אָרט.ער זאָגט:
- דו גיי !
זי זאָגט:
- גיי דו !
דער ווינט דערווײַל טוט זיך דאָס זײַניקע. ער טראַסקעט די לאָדנס , מע קאָן משוגע ווערן.

פֿאַלט איַין דעם ווײַב אַ געדאַנק און זי זאָגט צום מאַן :
- וויסטו וואָס? לאָמיר אָפּמאַכן ביידע צו שוויגן ווי שטומע, און ווער פֿון אונדז ס' וועט פֿאַרגעסן אויסערן אַ וואָרט, דער זאָל גיין פֿאַרמאַכן די לאָדנס.
איז דער מאַן מסכּים און זיי ליגן ביידע און שווייגן.

גייט אין גאַס פֿאַרביי אַ גנבֿ. זעט ער ווי דער ווינט וואַרפֿט ווילד מיט די לאָדנס פֿון אַ שטיבל .קוקט ער דאָרט אַרײַן דורכן פֿענסטער און זעט ווי מאַן און ווײַב ליגן אין דו בעטן און שווײַג, ווי שטומע און טויבע .
- אויב אַזוי , טראַכט דער גנבֿ, דאַרף מען אַרײַנגיין. קריכט ער אַרײַן דורכן פֿענסטער. ס 'איז שאַ שטיל..
מאַן און ווײַב שווייגן .
ער האָט שוין פֿאַרפּאַקט די זילבערנע שבֿת- לײַכטער, דעל קידוש- כּוס און זיי שווייגן אַלץ.

דער גנבֿ איז שוין באַלד פֿאַרטיק געוואָרן, נאָר אָט דערזעט ער דעם ייִדנס טלית. נעמט ער אים אויך אַרײַנפּאַקן אין זײַן זאַק. קאָן שוין דער ייִד מער נישט אויסהאַלטן. ער שטרעקט אויס אַ האַנט, און כאַפּט אָן דעם טלית. נעמט דער גנבֿ און דערלאַנגט אים אַ זעץ אין קאָפּ. די ייִדענע דערזעט אַז דער גנבֿ שלאָגט איר מאַן. מאַכט זי אַ געוואַלד.
- געוואַלד ! מע האַרגעט מײַן מאַן !
- נו , רופֿט זיך אָפּ דער מאַן רויִק. האָסט גערעדט ! גיי זשע און פֿאַרמאַך די לאָדנס !